STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02687

MAYN PAYN

Aaron Gutman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַהרן גוטמאַן

מײַן פּײַן

(לידער)

☆

בוענאָס אײַרעס

1945

קרבן־עולה

איך האָב צעריסען מיין הארץ אויף שטיקלאך,
אויף פּיין-פּיצלאך — מיין טראַגיש זעעל...
אַ קרבן-עולה פאַר מיין אומה,
אין פאַרנאַכטען פרומע — שטומע...

גאַנצע בלוט מיין און מיין חלב,
אַלע טיילען פון מיין גוף...
מיין אידיש ציטער — מיין אידיש פייער:
פאַר מיין אומה — פלאַמען-רוף...

הער, נאַצי!

שלײדער שפּיז אין האַרץ,
— מײן טעמפּעל!!!
װאַרף אַ קױל אין ברוסט,
— מײן פאַנצער!!!

נאָר ניט מאָרדען זאָלסט
מײן טאַטען...
נאָר ניט מאָרדען זאָלסט
מײן מאַמען...

נאָר ניט שעכטן זאָלסט
מײן ברודער...
נאָר ניט קוילען זאָלסט
מײן שװעסטער...

שלײדער שפּיז אין האַרץ,
— מײן טעמפּעל!!!
װאַרף אַ קײל אין ברוסט,
— מײן פּאַנצער!!!

נקמה

גאָט וועט פאַרברענען אין פייער
די וועלטן...
יבשות און ערדען
פאַרניכטען — צעשטערען...

גאָט וועט מיט אָטעם
פאַרלענדען די ימים...
קוואַלען און טייכען
פאַרשטאָפּען — פאַרפּראָפּען...

אַ וועלט האָט געקוקט
מיט גלעזערנע אויגען:
דעם אומקום פון יעקב,
פון ביבלישע שטאַמען...

אַ וועלט האָט געקוקט
מיט גלעזערנע אויגן:
די גסיסה ישׂראלס
און נאַצישע פֿלאַמען...

שטימונגען...

פיינִיגט מיך ניט, גייסטער,
— מלאכים פון געזאַנג...
וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען,
וואָס איז אייער פאַרלאַנג?

ניט איך וויים פון קונסט-ווערק,
— ריטמיש פערז און קלאַנג...
ניט איך וויים צו זוכען:
אַ דיכטער-וועג — אַ שטעג...

איך שטעה אַליין — פאַראיינזאַמט:
אין טעמפעל פון מיין ליד...
איך בין ניי-געבוירען!!!
ניי — מיין שירה-וויג!!!

פייניגט מיך ניט גייסטער,
— מלאכים פון געזאנג...
איך שרייב ניט מיט בלום — קוויטען...
איך שרייב מיט זעגל — מיט האַרץ...

איך שרייב ניט מיט טינט שוואַרצען...
ניט איך מאָל מיט פאַרב...
איך שרייב מיט קראַפט — מיט גבורה...
איך שרייב מיט בלוט — מיט שמאַרץ...

פ י ן . . .

ספייניגט מיר געפיהל,
סמאַטערט מיר געדאַנק:
נאָך אַ וואָך... נאָך צוויי...
נאָך אַ חדש... דריי...

וועל איך דערזעהן די שפּיל,
— דעם אָנהויב און דעם סוף...
וועל איך דערזעהן די שפּיל,
— טייוועלס טויט-קאָנצערט...

ספייניגט מיר געפיהל,
סמאַטערט מיר געדאַנק:
נאָך אַ וואָך... נאָך צוויי...
נאָך אַ חדש... דריי...

װעל איך שיקען טעלעגראַם,
— הין־צוריק — באַצאָהלט...
װעל איך שיקען טעלעגראַם...

צו װעמען, װאו, װאוהין?
צו װעמען, װאו, װאוהין?

צו מוטער־היים — מײן שטאָט...
צו פאַמיליע — מאַמע־הויז...
צו משפחה — טאַטענס־שטוב...

צו װעמען, װאו, װאוהין?
צו װעמען, װאו, װאוהין?

צו חרובן געצעלט...
צו בערגלאַך אַש און שטויב...
צו בית־עלמין — קבר — גרוב...
ספּײניגט מיך געפיהל...
סמאַטערט מיך געדאַנק...

אַ וואָרט צום שונא...

פאַרוואָס האָסטו פאַרברענט
מיין מאַמעס פרומע היים?
פאַרוואָס האָסטו פאַרברענט
מיין טאַטענס ספרים-שראַנק?

פאַרוואָס האָסטו צעשטערט
אַלע מיינע טרוימען?
פאַרוואָס האָסטו פאַרשוועכט
מיינע טעמפּעל-רוימען?

ווען האָסטו פאַרברענט
מיין אַלטען טאַטען,
— מיין?

ווען האָסטו פאַרברענט
מיין הייליג מאַמע,
— מיין?

ווען האָסטו דערשטיקט
מיין קליינעם ברודער,
— מיין?
ווען האָסטו פאַרלאָשען
מיין שוועסטערס ליכט
און שיין?

זאָג מיר, שונא-שרעק!
זאָג מיר און דערציילעהל!
איך דאַרף וויסען ווען:
קדיש זאָגען — איך!!!

זאָג מיר, שונא-שרעק!
זאָג מיר און דערציילעהל!
איך דאַרף וויסען ווען:
יאָמערען אַהן שיעור...

זאָג מיר, שונא-שרעק!
זאָג מיר און דערציילעהל!
האָסטו נישט געקענט
מלחמה פיהרען,
— דו?

האָסטו נישט געקענט
קעמפּען ווי אַ העלד?
האָסטו נישט געקענט
שטרייטען ווי אַ ריז?

האָסטו נאָר געמוזט ברענען לייב
פון אַלט און יונג צוזאַם?
האָסטו נאָר געמוזט ברענען לייב
פון פאָלק מיין — אייביג שטאַם?

זאָג מיר, שונא-שרעק!
זאָג מיר און דערצעהל!

איהר האָט געדאַרפט!

איהר האָט געדאַרפט ווי איינער
אויפשטעהן מיט פראָטעסט...
איהר האָט געדאַרפט ווי איינער
אויפשטעהן מיט געשריי...

מיט ווילד-געשריי — מיט קראַפט,
— מיט יעקב-קול — מיט מאַכט...
ווי טיגער און ווי לייב
אַנטקעגען וועלט פון רויב...

איהר האָט געדאַרפט צעטרייסלען:
אַלע הימלען, ערד!!!
איהר האָט געדאַרפט צעטרייסלען:
אָהן געוועהר — אָהן שווערד!!!

וואו זענט איהר געוועזען
אין טאָג פון גרויסען בראַנד?
וואו זענט איהר געוועזען
אין טאָג פון געטאָ-חורבן?

פאַרשטעקט האָט איהר דעם פּנים,
— אייער פּרצוף — געלט...
פאַרשטעקט פאַר אויג פון גאָט,
פאַר אויג פון מענש און וועלט...

איצט איז שוין פאַרפאַלען:
געטאָ איז פאַרברענט...
איצט איז שוין פאַרפאַלען:
דריט פון פאָלק — פאַרלענדט...

איהר האָט געדאַרפט ווי איינער
אויפשטעהן מיט פּראָטעסט...
איהר האָט געדאַרפט ווי איינער
אויפשטעהן מיט געשריי...

מיט ווילד-געשריי — מיט קראַפט,
— מיט יעקב-קול — מיט מאַכט...
ווי טיגער און ווי לייב
אנטקעגען וועלט פון רויב...

וואָס־זשע טויגען מיר די לידער?

ליגט אַ צייטונג אויף אַ טישעל,
שפּרינגען אותיות: „לעבען געבליבען"...
פון שטעט, שטעטלאַך, מקומות — ערטער:
נעמען — שמות — האַרציג ווערטער...

טאַטע־מאַמע ניט פאַרצייכענט,
ברודער־שוועסטער ניט פאַרשריבען...
וואָס־זשע טויגען מיר די לידער,
— גאַנצע מיינע שירה — תפלה?

וואָס־זשע טויגען מיר די לידער,
ווען נקמה ברענט ווי פייער;
ברענט און שרפהט:
אַלע מיינע אברים — גלידער?

וואָס-זשע טויגען מיר די לידער,
ווען אַ שנאה ברענט ווי גיהנום;
ברענט און שרפהט: גייסט — נשמה,
ניט אַ טרייסט מיר — ניט נחמה?

איך וועל ברעכען פען און טינטער,
איך וועל פאַרשליסען זיך אין צימער...
איך וועל זיצען איינזאַם — עלענד:
גאַנצען זומער, גאַנצען ווינטער...

און אין פינסטער פון ביינאַכטען...
און אין בענקשאַפט פון פריהמאָרגען...
וועל איך זאָגען — וועל איך קלאָגען:
וואָס-זשע טויגען מיר די לידער?

שפּאַצירט...

איך האָב שפּאַצירט
אויף ברייטע שליאַכען...
איך האָב געזעהן
א פרעכטיג בלום...

איך האָב געפיהלט,
אַ ריח — דופט...
איך האָב געפיהלט,
אַז פריש איז לופט...

אויף זעלבען אָרט,
האָט פיינד געברענט:
מיין אומהס לייב,
מיין פאָלקס-געביין...

אויף זעלבען אָרט:
אַ שפּראָץ, אַ בלום...
ניט שטייניג שריפט,
ניט שטייניג רוהם...

טראַכטענישען...

איך באַרוהיג מיין געמיט
מיט אַ האַלבען ליטער וויין...
איך באַרוהיג מיין געמיט
מיט אַ ביפשטיק, סאַלאַט כריין...
איך באַרוהיג מיין געמיט
מיט אַ שוואַרצע קאַווע בלויז...

איך בין צעשטורעמט
ווי אַ ווינט...
איך בין צעברויזט
ווי אַ וואולקאַן...
איך בין צעפלאַמט
ווי מיין ליד...

איך האָב ניט קיינעם
גערן — ליב...
איך וויל ניט פון קיינעם
וויסען מעהר...
איך בין פאַרגליווערט,
— אָהן באַגער...

אמת-אמת — צייטונג זאָגט,
אַז געמאָרדעט שונא — פיינד:
פינף מיליאָנען פון מיין פאָלק!!!
אמת-אמת — טעלעגראַף,
אַז געבליבען איז ניט מעהר,
ווי וועהטאָג, חורבן, בלוט און טרער!!!

וואָס זאָל זינגען
היינט מיין ליד?
וואָס זאָל זאָגען
מיין געזאַנג?

טרויער, שמערצען,
— חורבן-קלאַנג...

שעם זיך, וועלט!

שעמעדיגע ווייגען רויטע...
שעמעדיגע ווייגען בלאָנדע...
ברענג מיר, קעלנער!
גיכער! גיכער!

ברענג מיר, קעלנער!
גיכער! גיכער!
איך וויל טרינקען...
טרינקען... טרינקען...

ברענג מיר, קעלנער!
גיכער! גיכער!
ניט פאַרזאַמען,
— צייט פאַרלירען...

איך מוז טרינקען:
שכור ווערען...
איך מוז טרינקען:
אַלץ פאַרגעסען...

איך מוז פאַרגעסען:
אַלטע היימען...
איך מוז פאַרגעסען:
קינדהייט-טרוימען...

איך מוז פאַרגעסען:
וועהען, קרעכצען...
איך מוז פאַרגעסען:
ליידען, שמערצען...

ווײנען! — ווײנען!
פּלעשער-ווײנען!
זאַפֿט פֿון ערדען,
זונען-ליכטען...

אין אײער אַפּגלאַנץ,
שפּיגעל, אָפּשײן:
גיהנום! געטאָס!
טויט-קאָמעדיעס...

ווײנען! — ווײנען!
פּלעשער-ווײנען!
געטאָס ברענען!
פֿײער פֿלאַקערט!

ווײנען! — ווײנען!
פּלעשער-ווײנען!
געלע לאַטעס!
שמערץ און פּײַנען!

איך װעל ניט זינגען:
ליד צו ווײנען...
מײַן ליד איז חורבן!
מײַן ליד איז פּײַנען!

אַ ליד צו וועלט,
— וועל איך זינגען...
שטימע מיינע,
— קלינגען! — קלינגען!

וויפיעל, וויפיעל:
ברידער מיינע?
וויפיעל, וויפיעל:
שוועסטער מיינע?

וויפיעל, וויפיעל:
די דערדריקטע?
וויפיעל, וויפיעל:
די דערשטיקטע?

וויפיעל, וויפיעל:
אויפגעהאנגען
אויף תליה-שטריקלאַך,
אויף אייזען-שטאַנגען?

ווער געזעהן האָט געטאָ-פלאַמען?
ווער געזעהן האָט בלוטיג-דראַמען?
ווער געהערט האָט פיין-געשרייען?
ווער געהערט האָט יאָמער, וועהען?

ווער קען צעהלען די הרוגים?
ווער קען צעהלען די טהורים?
ווער קען וויסען צאָהל פון קדושים?
ווער קען וויסען צאָהל פון מתים?

אין פנקסים ווער פאַרצייכענט?
אויף פייער-פאַרמעט ווער פאַרשריבן?
מוירער... מוירער...
געטאָ-מוירער...
מוירער... מוירער...
ציון-טרויער...

חרפה! — בושה!
שאַנד! — נבלה!
פאַר אַלע תקופות:
קין-צייכען!
פאַר אַלע דורות:
פלוך און קללה!

שעם זיך! — שעם זיך!
וועלט פון ראַדיאָ!
שעם זיך! — שעם זיך!
טעלעוויזיע! צעפעלינען!

שעם זיך! — שעם זיך!
וועלט פון וויסען!

באַהאַלט דיין פּרצוף!
ווער צעריסען!

שעם זיך! — שעם זיך!
וועלט פון וויסען!
נאַכט און פינסטער:
דיינע צעלטען!!!

שעם זיך! — שעם זיך!
וועלט פון וויסען!
נאַכט און פינסטער:
אייז און קעלטען!!!

שעם זיך! — שעם זיך!
וועלט פון וויסען!
שעם זיך! — שעם זיך!
וועלט פון וויסען!

גאָט־זוכעניש

מיין בליק צו דיר,
אָה גרויסער גאָט!
איך וויל מיט דיר
שפּאַצירען...

דו ביסט דער גאָט
פון באָבע מיין,
דו ביסט דער גאָט
פון זיידע מיין...

מיין מאַמען
האָסט געשאָנקען גייסט,
מיין טאַטען האָסט באַשטראַלט
מיט שיין...

מיט דיר אַליין,
— צוואַם איך געהן...
דו וועסט מיך ניט
פאַרפיהרען...

גאָט, העלף!

גאָט! העלף דיין פאָלק,
דיין אויסדערוועהלטען שטאַם...
גאָט! העלף דיין פאָלק,
די קינדער פון אברהם...

אין אַלע וועלט-טיילען,
— יבשות — קאָנטינענטען:
וואַנדערט אום דיין פאָלק,
— סיני-שטאָלץ און פּראַכט...

אין אַלע פּאַרטען-שטעט,
— ימים-טייכען-ברעג:
וואַנדערט אום דיין פאָלק,
— הפקר — ניט באַוואַכט...

גאָט! העלף דיין פאָלק,
— אין געטאָ-פייער — היינט...
גאָט! העלף דיין פאָלק,
— אין איראָפּאַ — ערד פון פיין...

גאָט! העלף דיין פאָלק...
שיק דיין גנאָד צו אים...
גאָט! העלף דיין פאָלק...
שיק דיין ליכט — דיין שיין...

דיין קינד...

צום אידישן פאָלק

איך בין דיין קינד,
— דיין תּפלה־דיגער זוהן...
איך בין דיין קינד,
— פון קערפּער דיין — אַ גליד...

איך בין דיין קינד,
— דיין גבורה־דיגער זוהן...
איך בין דיין קינד,
— אַ בלוט־געשריי — מיין ליד...

איך בין דיין קינד,
— דיין פייער און דיין פלאַם...

איך בין דיין קינד,
— נביא איז מיין שטאַם...

איך בין דיין קינד,
— דיין יאָמער און דיין וועה...
איך בין דיין קינד,
— דיין פּיינלּיכער געשריי...

איך בין דיין קינד,
דיין תפלהדיגער זוהן...
איך בין דיין קינד,
— פון קערפּער דיין — אַ גליד...

שקיעה...

שקיעה — זון-פאַרגעהן...
שקיעה — פייער-רויט...
צו הימעל-רוים — מיין בליק...
צו הימעל-רוים — מיין אויג...

אין מערב זון פאַרגעהט,
פון מזרח ווידער שיינט...
אַ צייכען פאַר מיין אומה,
אַ סימבאָל פאַר מיין פאָלק...

אַ מערב-הענקער שטאַם:
מיין אומה-פּראַכט געבריינט...
אַ מערב-הענקער שטאַם:
מיין אומה ניט פאַרלענדט...

פון מזרח — ציון-שטאָט:
אַ ליכט פאַר אומה מיין...
פון מזרח — ציון-שטאָט:
אַ הימליש-געטליך-שיין...

שקיעה — זון-פאַרגעהן...
שקיעה — פייער-רויט...
צו הימעל-רוים — מיין בליק...
צו הימעל-רוים — מיין אויג...

זאָל איך טאַנצען?

דייטשלאַנד געפאלן.

זאָל איך טאַנצען,
שפּרינגען, זינגען,
— היינט?

זאָל איך זיך פרעהען,
זאָל איך תדוהן,
— היינט?

זאָל איך טרינקען זיסע וויינען,
— טרויבען־זאַפטען — שווימיג־גבורה
— היינט?

זאָלען שאַלען די טראָמפּייטען,
די סירענאַס: פּייפען... פּייפען...
— היינט?

צופיל... צופיל...
צופיל לעבענס
האָט מיין פאָלק באַצאָהלט...

פינף מיליאָנען ברידער מיינע,
— האָט דער פיינד פאַרלענדט!!!
גאַנצע היימען און משפחות:
מיט גיפטיג גאַז פאַרברענט!!!

זאָל איך טאַנצען,
שפּרינגען, זינגען,
— היינט?

צו מיין היימשטאָט - ביאַליסטאָק

איך קום צו דיר מיט ליד,
— מיט שירהדיגען קלאַנג...
אין ביכער צוויי האָב איך
פאַראייביגט דיין געזאַנג...

אין ביכער צוויי האָב איך
פאַרוועבט דיין פרעכטיג טרוים...
אין ביכער צוויי האָב איך
געבענטשט דיין טעמפּעל-רוים...

היינט — איך קום צו דיר,
מיט דיין ליד פון ס׳ניי...
היינט — איך קום צו דיר,
אין טאָג, ווען דו ביסט פריי...

געה באַקראַנץ!

אין טאָג פון נצחון...

געה באַקראַנץ דיין טיר און טויער,
— געה!!!
געה באַפלאַג דיין הויז און מויער,
— געה!!!

ברענג פון גאָרטען:
בלומען, בלומען,
— ברענג!

געה אין טעמפעל,
— תפלות זאָגען,
נרות צינדען;

אַלע לאַמפּען — חשמל-פייער:
צינדען! צינדען!

גייה און עפען ארון-קודש,
— דורות-לאַנגען מקום-מקלט;
גייה און עפען האַרצענס-טעמפּעל
און באַהאַלט דאָרט טרער פון יעקב...

גייה און נעם אַ אַלטען פּאַרמעט
און פאַרשרייב מיט בלוט און בוכשטאַב:
חורבן, אומגליק...
גאולה, פרייהייט...

גייה און נעם אַ אַלטען פּאַרמעט
און פאַרשרייב מיט פריידיג טרערען:
אַלט-געשיכטע!!!
נייע!!! נייע!!!

היינט געפאַלען דיינע שונאים,
דיינע פיינד דערדריקט...
היינט געפאַלען דיינע שונאים,
הענקער שוין דערשטיקט...

מענש-שאַקאַלען, ווילדע אָדלער:
יעקב-פלייש גענאַגט,
ישראל-אויג געפּיקט...

ניט מעהר אויפשטעהן!
קיינמאָל! קיינמאָל!
קיינמאָל! ניין!
קיינמאָל!

ווייל דער בליאַסק פון שדי-שפּיזען,
— שונאס אויג פאַרבלענדט...
ווייל דער שאַרף פון צבאות-שווערדען,
— חיה-מענש פאַרלענדט...

געה באַקראַנץ דיין טיר און טויער,
— געה!!!
געה באַפלאַג דיין הויז און מויער,
— געה!!!

זומער־פֿאַרנאַכטען...

אין טאָג פֿון נצחון.

זומער־פֿאַרנאַכטען:
האַרפֿע פֿון דוד,
סאָלאָמאָנישע חכמה...

זומער־פֿאַרנאַכטען:
אמנון, תמר...
פֿאַרליבטע, באַזועלטע, פֿאַרבענקטע...

זומער־פֿאַרנאַכטען:
שולמית־פֿאַנטאַזיע,
— אַ פֿאַסטוך אין ציון...

זומער-פֿאַרנאַכטען:
גלאָקען, געזאַנגען,
הייליגע תּפֿלות,
געלייטערטע פּסאַלמען...

זומער-פֿאַרנאַכטען:
קינדער פֿון יעקבֿ!
זיהן פֿון ישׂראל!
מנחה... מעריבֿ...
יהוה — אייער גאָט!!!

זומער-פֿאַרנאַכטען:
שאַלען חצוצרות,
— יואבֿ בן צרויה,
עמון געפֿאַלען!!!

זומער-פֿאַרנאַכטען:
יהוה! יהוה!
לויבען פֿאַר צבֿאות!
תּפֿלות צו שדי!

זומער-פֿאַרנאַכטען:
בן צרויה! — בן צרויה!
חצוצרות — היינט שאַלען...
בית-דוד געזיגט האָט,
— עמון געפֿאַלען!!!

זומער-פֿאַרנאַכטען:
בן צרויה! — בן צרויה!
עיר-ציון געזיגט האָט,
— עמון געפֿאַלען!

זומער-פֿאַרנאַכטען:
אין ראָמאַ, אין ציון,
אין ניו-יאָרק, אין וואַרשע:
פּייפֿען סירענאַס,
טעלעפֿאָן, טעלעגראַף,
כוואַלעס פֿון עטער...

בשורה צו פֿעלקער,
בשורה צו לענדער:
עמון געפֿאַלען!
געפֿאַלען! געפֿאַלען!

זומער-פֿאַרנאַכטען:
שאַלען טראָמפּייטען,
— באַקראַנץ דיינע טירען,
באַפֿלאַג דיינע הייזער:
ראָמאַ-קאָרדאָבאַ!!!
באַקראַנץ דיינע טירען,
באַפֿלאַג דיינע הייזער:
ציון-קאָרדאָבאַ!!!

עמון געפאַלען!
געפאַלען!
געפאַלען!
זיגען... טריאומפען...
נצחונות... יהוה...
לויבען פאַר צבאות!
תפלות צו שדי!

באַקראַנץ דיינע טירען,
באַפלאַג דיינע הייזער:
ראָמאַ-קאָרדאָבאַ!!!
באַקראַנץ דיינע טירען,
באַפלאַג דיינע הייזער:
ציון-קאָרדאָבאַ!!!

בריגאַדעס פון ציון - אַ בלום..

סגריסט אייך איד און איד
אין אַלע עקען וועלט!!!
סגריסט אייך מיט אַ פרייד
דער גאַנצער ציון-שטאַם!!!

סגריסט אייך מיט געזאַנג:
אַ דיכטער — אַ פּאָעט,
וואָס שרייבט אין עברי-טייטש,
אין העברעאיש-סטיל און קלאַנג!!!

איך בין אייער בלוט,
— אייער שבועה-האַנט...
מיין ליד פאַר היילינג שטאָט,
— פאַר כתל — מערב-וואַנט...

מיין ליד איז אידיש-קלאַנג,
מיט ביבעל-ליכט באַשטראַלט...
מיין ליד איז איד-געזאַנג,
— מיט דורות-קראַפט סשאַלט...

עפּענט גיכער טיר,
דודס הייליג הויז!!!
עפּענט גיכער טיר,
פאַר ישראל — דופּטיג-רויז!!!

עפּענט גיכער טיר,
בר-כוכבא — היינט ערוואַכט!!!
עפּענט גיכער טיר,
נאַצי-מאַכט — היינט קראַכט!!!

מאַרשירט שנעל, מכבים!!!
מאַרשירט מיט ביקס און שווערד!!!
צבאות-גאָט מיט אייך,
— ער רייניגט פלאַך פון ערד!!!

פון תל-חי קומט מיט גלאַנץ
טרומפּעלדאָר אַליין...
הערצעל — היינט ערוואַכט!!!
הערצעל — פרייד-געוויין...

איך הער אַ שטים טרופּט:
זשאַבאָטינסקי גערהט!!!
ישׂראלס גרויסער זוהן,
אין שפּיץ פון פאָלק — ער שטעהט!!!

איך הער אַ קול סשאַלט:
אַ גרוס דיר, נחמן גנעזאַנג!!!
ישׂראל זינגט דיין ליד,
— דיין ליד — דיין גאולה־קלאַנג!!!

עפּענט גיכער טיר,
בר־כוכבא — היינט ערוואַכט!!!
עפּענט גיכער טיר,
נאַצי־מאַכט — היינט קראַכט...

אַרגענטינע, מוטער מײַן!

ערד־ציטער אין סאַן כואַן.

שקיעה־שעה — פאַרנאַכט...
שקיעה — הימעל־פּראַכט...
פאַרדמיונט מענש און וועלט...
גאָט אַליין — פאַרטראַכט...

שקיעה: ראַדיאָ רופט...
שקיעה: טעלעגראַף...
סאַרמיענטאָס וויג סקרעמפּט...
סאַרמיענטאָס ערד סקראַכט...

שטורעם — ערד־ציטער...
טרערען — וועהטאָג — בלוט...

וואולקאַנען-לאַווע — פלאם...
אומגליק — פייער-גלות...

אַרגענטינע, מוטער מיין!
סקרעמפּט דיין איינגעוויד,
— דיין גן-עדן-שטאָט,
— דיין צאַרטע בלום — דיין קוויט...

אַרגענטינע, מוטער מיין!
איך בין צו דיר ניט פרעמד...
צוואַנציג יאָהר — דיין ערד:
לינדערט — היילט מיין שמערץ...

אַרגענטינע, מוטער מיין!
איך טראָג צו דיר מיין האַרץ,
— מיין זעעל — מיין ליכט — מיין שיין...

איך טראָג צו דיר מיין האַרץ:
אין טאָג פון אומגליק דיין,
— אין טאָג פון וועה און פּיין...

שקיעה-שעה — פאַרנאַכט...
שקיעה — הימעל-פּראַכט...
פאַרדמיונט מענש און וועלט...
גאָט אַליין — פאַרטראַכט...

איהר האָט באַגריסען געמעגט...

איהר האָט באַגריסען געמעגט:
אייער בלוט — אייער פלייש — אייער קינד,
— קאָרדאָבאַס אידישען פּאָעט...

מיט ליד — „התקוה״-געזאַנג,
— מיט ציונס הייליג רוף,
— מיט קדושהדיגען קלאַנג...

מיט בלומען-געקראַנץ,
מיט רויזען-געפלעכט,
מיט חסידישען טאַנץ...

מיט כרמלס טרויבען-זאַפט,
— מיט כרמלס וויין — שאַמפּאַן,
— מיט פלעשער גבורה — קראַפט!!!

פאַר אויג פון גאָט און וועלט,
פאַר אויג פון פאָלק און שטאַט,
פאַר אויג פון זונען-שיין...

איהר האָט באַגריסען געמעגט:
אייער בלוט — אייער פלייש — אייער קינד,
— קאָרדאָבאַס אידישען פּאָעט...

דיין ליד, קאָרדאָבאַ!

אומעטום — אויף אַלע וועגען,
— אויף וואַנדער-שליאַכען פון מיין לעבען...
טראָג איך אין האַרץ מיין:
דיין געזאַנג...

איך פאַרשטעה ניט כח
פון דיין צויבער...
איך ווייס ניט פאַרוואָס
דו פאַנגסט מיין גייסט...

איך בין אַ איד...
און דו ביסט קריסטליך...
איך בין אַ איד...
דו וועקסט מיין ביבליש ליד...

איך ברענג דיר היינט:
מיין קרבן-תודה...
זאל זעהן דיין פאלק,
— דיין גאנצע עדה!!!

איך ברענג דיר היינט:
מיין זבח-שלמים...
דיין ריכטער-איד,
— א שטאלצער זוהן פון בני רחמנים!!!

איך בין ניט דער לעצטער

איך בין ניט דער לעצטער
פון דיינע אידישע דיכטער...
איך בין ניט דער לעצטער
פון דיינע אידישע זינגער...
קאָרדאָבאַ!!!

אין בענקשאַפט, אין עלענד,
— דיין ליד איך געזונגען...
אין איינזאַם פון פאַרקען,
אין נאַכטיגען פינסטער...
קאָרדאָבאַ!!!

אין וואָלאָזשען, אין מיר,
אין סלאָבאָדקע, אין ראַדון:

מיין מאַמע, מיין זיידע
געלערענט חכמה און תורה
קאַרדאָבאַ!!!

ווען וואַלאָזשען געברענט
אין פייער פון חורבן...
ווען שונא צעשמעטערט:
מיר, סלאָבאָדקע און ראַדן...
קאַרדאָבאַ!!!

האָב איך דיינע זוניגע טאָלען,
האָב איך דיינע באַרגיגע הויכען:
מיט אידישע ווערטער
פאַרהילכט און פאַרקלונגען...
קאַרדאָבאַ!!!

איך בין ניט דער לעצטער
פון דיינע אידישע דיכטער...
איך בין ניט דער לעצטער
פון דיינע אידישע זינגער...
קאַרדאָבאַ!!!

ברכות פאַר קאָרדאָבאַ...

איך האָב דיר געגעבען
מיט האַרץ און מיט נשמה,
די ברכות פון מיין טאַטען,
מיין מאַמעס צויבער-ליד...

נישט דו ווייסט אַפילו,
אַז איך — ישראל-קינד,
— זינג תמיד צו דיר שירה...
איך! אַ איד! אַ איד!

נישט דו ווייסט אַפילו,
אַז צאַרט-אידעל קלינגט מיין שטימע,
— אין מיסטישע פאַרנאַכטען,
אויף דיין לעבענס-בינע...

אפשר האָט געוואָלט מלאך דיין — דיין ושעני,
אַז אויפשטעהן זאָל נאָך איינער:
נאָך איין קאַפּדעווילאַ,
— מיט דורותדיג געזאַנג
פון קאַסטיליאַ און סעווילליאַ?

אפשר האָט געוואָלט מלאך דיין — דיין ושעני,
אַז אויפשטעהן זאָל נאָך איין מאָל:
ווי דאָן אַרטוראָ — דיכטער,
— בלוט און פלייש — דיין אייגענס,
— אין דיין טויער — דיכטער?

האָב איך — קינד פון יעקב...
אין ביאַליסטאָק געבוירען...
מיט אַנדר זיך פאַרבונדען
און הונדערט מאָל געשוואוירען...

יאָ! איך וועל זינגען:
מיין טראַגיש ליד — מיין שירה...
יאָ! איך וועל זינגען:
אין שטאָט פון גלאָקען, תפלה...

איך האָב דיר געגעבען
מיט האַרץ און מיט נשמה:
די ברכות פון מיין טאַטען.
מיין מאַמעס צויבער-ליד...

איך האָב געזעהן...

אין אנבליק פון א הערצעל־אלפאמברא.

איך האָב געזעהן זיין בילד,
— זיין מאַיעסטעט-געשטאַלט...
איך האָב געזעהן זיין בילד,
— זיין קעניגליך פיגור...

איך האָב געזעהן זיין בילד,
— גרויסקייט פון אַמאָל...
איך האָב געזעהן זיין בילד,
— פון דורס-הויז — סימבאָל...

פון מירמעלשטיין געהאַקט,
— פון בראשיתדיגען פעלז...

פון לבנון-בוים געשניצט,
— פון שענסטען וואַלד-געהילץ...
פון זילבער — ווייס-מעטאַל,
פון פיינסטען גאָלד-געשמעלץ...

איך האָב געזעהן זיין בילד,
— זיין מאַיעסטעט-געשטאַלט...
אַ מאָלער האָט געמאָלט:
מיט כשוף-טינט — מיט פאַרב...
אַ מאָלער האָט געמאָלט:
מיט בלוט פון אייגען האַרץ...

איך האָב געזעהן זיין בילד,
— זיין מאַיעסטעט-געשטאַלט...
האָב איך מיין קאָפּ פאַרנייגט
מיט דיכטעריש געזאַנג...

שיר, דו האָסט געבראַכט
פון מצרים און כנען...
שיר, דו האָסט געבראַכט
פון אינדיע און איראַן...

אַ משיחישע געשטאַלט
אויף טעפּיכער געמאָלט...
אַ משיחישע געשטאַלט
אויף מזרחדיג-דיוואַן...

איך האָב געזעהן זיין בילד,
— זיין מאַיעסטעט־געשטאַלט...
איך האָב געזעהן זיין בילד,
— זיין קעניגליך פיגור...

איך האָב געזעהן זיין בילד,
— גרויסקייט פון אַמאָל...
איך האָב געזעהן זיין בילד,
— פון דודס־הויז — סימבאָל...

שילדען...

וואס באדייטען די שילדען,
— די בראנזענע טאוולען,
אויף ליכטיגע שוועלען
פון אידישע היימען?

צי איז דאס דער חלום
פון אונזערע טאטעס;
פון אונזערע כשרע,
הייליגע מאמעס?

צי איז דאס דער עכא
פון פראסער-געזאנגען;
פון סאן-מארטינישע שווערדען:
אומענדליכע קלאנגען?

צו איז דאָס דער עקבֿ
פון פראָסער-געזאַנגען,
וואָס איז צו אידישע מהות
און הערצער דערגאַנגען?...

וואָס באַדייטען די שילדען,
— די בראָנזענע טאָוולען,
אויף ליכטיגע שוועלען
פון אידישע היימען?

צו דיר, אַרגענטינע!

פֿערצעהן ליכטיגע בריליאַנטען
איינגעפּאַסט אין פּלאַטאַס קרוינע,
צעהן דיאַמאַנטען שעמערירען
איבער וועלטען — טעמפּעל-רוימען...

אין ריזען-טעפּיך — פּראַכט-דיוואַנען,
— אין מעטראָפּאָל — פּעדעראַל-שטאַט:
דאַ פֿאַראַנען!!!
דאָ פֿאַראַנען!!!

פריסטער...

װען מאָרגען־שײַן,
ליכט, טאָג,
— פֿון מזרח קומט...
דײַן גוף,
דײַן זעעל,
דײַן האַרץ,
דײַן גײַסט...
צו גאָט,
צו װעלט
צו מענש:
שטילע תּפֿלה,
— פריסטער־שירה,
— געבעט, בקשה,
— שיקט...

ווי קיינער-קיין,
ווי קיינער-ווער,
ווי קיינמאָל שטערבליך מענש...
דיין פּריסטער-שטים,
דיין פֿינגליך-רוּף,
דיין שירה-קלאַנג:
צעבּרעכט זיין הייליג שטול,
צעשפּליטערט געטליך קרוין...

און ער אַליין פֿאַרטראַכט,
פֿון שמערץ און פּיין באַהערשט...
אין הימעל-רוים — זיין גלאַנץ,
אין הימעל בּלייבט ער שטעהן...

און פּריסטער — מיט געבּעט,
און פּריסטער — תּפלה-שטיל:
אָה גאָט!
פֿון הימעל שיק:
דיין הילף צו וועלט און מענש...
אָה גאָט!
פֿון הימעל שיק:
דיין בּאַלזאַם, — קינדער דיין...
אָה גאָט!
פֿון הימעל שיק:
אַ ריינע האַרץ, פֿאַרשטאַנד...

און זאָל מענש — דיין מענש:
זאַמד און שטויב פון ערד,
אָטעם דיין — נאָר דיין...
אָפּבילד פון דיין גלאַנץ,
פון דיין פּראַכט אַ שטיק...
ערוואַכען ס'ניי איצט... איצט...
ערוואַכען — אויפשטעהן ניי...
ערוואַכען מענש און וועלט...

ערוואַכען אויך מיין פאָלק,
— האַרץ פון וועלט וואָס פיהלט:
עלענד, פּיין און שמערץ...
האַרץ פון וועלט וואָס פיהלט:
פעלקער-האַס און גרויל...
האַרץ פון וועלט וואָס פיהלט:
חורבן, אומגליק, נויט...
ווי קיינמאָל פאָלק — קיינמאָל...
ווי קיינמאָל מענשעס-קינד...

ערוואַכען אויך מיין פאָלק!!!
אין כנען-לאַנד: זיין היים...
אין כנען-לאַנד: זיין טרוים...
אין כנען-לאַנד: זיין חן...
ערוואַכען אויך מיין פאָלק!!!
זיין רוהם, זיין גלאַנץ,

זיין שטאָלץ, זיין פּראַכט:
איבער וועלטן, לענדער גאָר!!!
זיין רוהם, זיין גלאַנץ,
זיין שטאָלץ, זיין פּראַכט:
אין נאַציאָנען-פעלקער-כאָר!!!

די לעצטע שעה

צו אונזערע „פארזארגער".

איצט אין לעצטער שעה,
אין סוף פון קריג און שטרייט,
ווען געבליבען איז ניט מעהר,
ווי שארית — קליינער רעשט...

האט איך אַ רוף געשיקט
צו וועלט אין פייער־פלאַם...
האט איהר אַ רוף געשיקט
מיט קראַפט פון אייביג שטאַם...

וואו זענט איהר געווען
אין ערשטען טאָג פון קראַך?

וואו זענט איהר געווען?
אָה פיהרער! שומרים! וואַך!

און אפשר שולדיג איז דאָס פאָלק — דאָס גאַנצע פאָלק,
וואָס האָט אייך ניט באַהויכט מיט גלויבען און מיט הארץ:
אין טאָג פון פעלקער־וועה,
אין טאָג פון פעלקער־שמאַרץ?...

פאַר װעמען?

פאַר װעמען זינג איך מײנע לידער?
פאַר װעמען זינג איך מײנע תּפלות?
װער דאַרף הײנט ליד און שירה?
װער דאַרף הײנט װאָרט פון תּפלה?

אַ װעלט — אַ בלוטיגע — אַ מערדער!!!
אַ װעלט — אַ פינסטערע — שװאַרץ-װעלדער!!!!
צו װאָס דאַרף זי דיכטער-קינדער?
צו װאָס דאַרף זי צאַרטע זינגער?

צו מיין קריסטליכען שכן

תענית־צבור.

איך האָב באַזונגען דיינע גלאָקען,
דיך געשאָנקען ניט איין ליד...
איך האָב געוואָלט ואָלסט זיין מיין ברודער,
— האָנט ביי האַנט — צוזאַם אין קריג...

אין טאָג פון טרויער — תענית-צבור,
האָב איך געוואַרט אין שוהל אויף דיך...
איך האָב געעפענט ארון-קדש,
איך האָב געעפענט פענסטער,טיר...

מיין שמערץ

קאַרדאַבער קאַטאָליקען האָבען אָפּגעריכט תפלות
אין דערמאָנונג פון די געטאָ־קדושים.

דו וועסט ניט לינדערן מיין שמערץ
מיטן קלאַנג פון דיינע גלאָקען...
דו וועסט ניט היילען מיין וואונד
מיט תפלות פון דיר אָנגעבאָטען...

אַ דאַנק דיר, ברודער־קריסטן!
זיי געבענטשט — געגריסטן!
אַ דאַנק דיר, ברודער־קריסטן!
אַ דאַנק דיר הונדערט מאָל!!!

גרויס ווי אָקעאַן — מיין בראָך...
ווי גיהנום-גרוב — מיין יאָמער-טאָל...
דו וועסט ניט לינדערן מיין שמערץ
מיטן קלאַנג פון דיינע גלאָקען...

ווער געפלאַנצט?

ווער געפלאַנצט דאָס ליד
אין מיין האַרץ?
ווער מיט ליכט באַגאָסען
מיין געזאַנג?

מיין מאַמע געצערטעלט
מיין וויג:
מיט אויגען ווי שכינה,
— מיט הימלישען בליק...

מיין טאַטע באַשטראַלט
מיין געזיכט:
מיט תורה, מיט לומדות,
מיט שירה, מיט תפלה...

דיין האַנט

דו שטרעקסט מיר היינט דיין האַנט,
אַ שמייכעל אויף דיין ליפּ...
דו רעדסט געפליגעלט וואָרט:
ווייך און צאַרט און מילד...

צו איז דאָס ניט אַ שטים
וואָס קומט פון וויטען-ווייט?
איך ווייס ניט וואָס דאָס איז
און וואָס דאָס אַלץ באַדייט...

זאָל עס זיין אַ קלאַנג
פון בראשיתדיג באַשאַף,
ווען גאָט געפורעמט האָט
דעם מענש אין זיין געשטאַלט?

זאָל עס זײַן אַ קלאַנג
פֿון בראשיתדיק באַשאַף:
פֿון ערשטע טעג און נעכט,
פֿון ערד — יבשה־פּלאַך?...

דיין בליק

ספּאַלט אויף מיר דיין בליק,
— דיין חמדה־דיגער קוק...
ער דרינגט אַריין אין זעל,
אין מקדש פון מיין האַרץ...

און דאָרטען בלייבט ער שטעהן:
פאַרגליווערט, שטאַר, פאַראייזט...
ביז סשטראָמט מיין ליד,
— מיין פריהלינג — מיין געזאַנג...

און דאָרטען בלייבט ער שטעהן:
פאַרגליווערט, שטאַר, פאַראייזט...
ביז סשטראָמט מיין ליד,
— מיין פריהלינג — שירה־קלאַנג...

דיין רצון

דו ווילסט — איך זאָל זינגען
ווי אַ איד פאַר אידען?
דו ווילסט — איך זאָל זינגען
מיט האַרץ, מיט נשמה?
דיין רצון — מיין שירה,
דיין רצון — מיין תפלה...

איך וועל היינט זינגען
פון סניי מיינע לידער...
איך וועל היינט צעשמעלצען
מיין האַרץ און מיין גלויבען:
אין דיין אידישען פייער,
אין דיינע אידישע אויגען...

דו האָסט געשײַנט

דו האָסט געשײַנט
מיט מוטער־ליכען גלאַנץ...
דו האָסט געבליצט
מיט הויך־באַגײַסטען וואָרט...

אין יענעם טאָג — באַטאָג,
אין מיט פון מעטראָפּאָל:
ווען דו צו מיר גערעדט
מיט תּפֿלה — מיט געבעט...

געזאָגט האָסטו צו מיר
אַזוי און נאָר אַזוי:
„אַ דיכטער זינגען מוז
פאַר פאָלק און מיטן פאָלק...“

האָב איך געהערט דיין שטים
— דיין פּרעכטיגען געזאַנג...
האָב איך געהערט דיין שטים,
— דיין מוטער-מאַמע-קלאַנג...

היינט — איך פלעכט אַ קראַנץ,
— אַ בלומיגען געוועב:
פון אידיש וואָרט און גייסט,
פון איד — פאַר איד און מענש...

היינט — איך פלעכט אַ קראַנץ,
— אַ בלומיגען געוועב:
אין אידיש שפּראַך — געזאַנג,
אין שפּראַך פון וועה און באַנג...

איך ווייס...

סאיז געווען א שמייכעל
אויף דיין ביבליש-ליפ...
סאיז געווען דיין קוק,
— דיין צארטער מוטער-בליק...

סאיז געווען דיין גרוס,
דיין שלום-ווארט צו מיר,
אז איך זאל צעפלאמען:
מיין געזאנג צו דיר...

איך ווייס — דו ביסט א קינד
פון יענע טאטע-מאמע,
וואס האבן ברויט געגעסן
מיט שווייסיגען געזיכט...

איך ווייס — דו ביסט אַ קינד
פון יענע טאַטע-מאַמע,
וואָס האָבען תפלהדיג געצונדען
שבת-יום-טוב-ליכט...

איך ווייס — דו ביסט אַ קינד
פון יענע טאַטע-מאַמע,
וואָס האָבען צאַרט געזונגען
„למנצח-מזמור"...

אין שבתדיג-פאַרנאַכטען,
אין וואָכעדיגע מיטוואָכס...
אין זוניגע פריהמאָרגענס,
אין פינסטערע באַנאַכטען...

סאיז געגוג אַ שמייכעל
אויף דיין ביבליש-ליפּ...
סאיז גענוג דיין קוק,
— דיין צאַרטער מוטער-בליק...

אַ בלום

איך ברענג דיר היינט אַ בלום,
— שלום!
איך ברענג דיר היינט אַ בלום,
— שלום!

רויט איז מיין בלום,
— רויט ווי בלוט...
רויט איז מיין בלום,
— ווי פייער-גלוט...

אַ זכר — אַ סימבאָל
פון מיין טאַטענס קדוש-וויין...
אַ זכר — אַ דערמאָן:

פון מיין מאַמעס מוטער-פּיין...
אַ זכר — אַ געדענק:
פון מיין שוועסטערס ציון-שיין...

איך ברענג דיר היינט אַ בלום,
— שלום!
איך ברענג דיר היינט אַ בלום,
— שלום! .

אינהאַלט

קרבן־עולה	5
הער, נאַצי!	6
נקמה	8
שטימונגען	10
פּיין...	12
אַ וואָרט צום שונא...	14
איהר האָט געדאַרפט!	17
וואָס־זשע טויגען מיר די לידער?	19
שפּאַצירט...	21
שעם זיך, וועלט!	25
טראַכטעניש...	23
גאָט־זוכעניש	31
גאָט, העלף!	33
דיין קינד...	35
שקיעה...	37
זאָל איך טאַנצען?	39
צו מיין היימשטאָט — ביאַליסטאָק	41
גוה באַקראַנץ!	42
זומער־פאַרנאַכטען...	45
בריגאַדעס פון ציון — אַ בלום...	49
אַרגענטינע, מוטער מיין!	52

איהר האָט באַגריסען געמעגט...	54
דיין ליד, קאָרדאָבאַ!	56
איך בין ניט דער לעצטער	58
ברכות פאַר קאָרדאָבאַ...	60
איך האָב געזעהן...	62
שילדען...	65
צו דיר, אַרגענטינע!	67
פריסטער...	68
די לעצטע שעה	72
פאַר וועמען?	74
צו מיין קריסטלעכן שכן	75
מיין שמערץ	76
ווער געפּלאַנצט?	78
דיין האַנט	79
דיין בליק	81
דיין רצון	82
דו האָסט געשיינט	83
איך ווייס...	85
אַ בלום	87

Este libro "MI AFLICCION" se terminó de imprimir el 28 de Mayo de 1945, en los talleres gráfios de Julio Kaufman, Junín 344, Buenos Aires.